**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/18/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 234 מיליאן דאלאר אין צוגעקומענע הילף פאר עסן פאר נאוועמבער**

***אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP וועלן באקומען די מאקסימום סומע פון עסן בענעפיטן פאר נאוועמבער***

***סופלעמענטאלע עסנווארג בענעפיטן ערווארטעט ווייטער אנצוהאלטן ביז נאך פעברואר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אלע ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין דעם 'סאַפּלעמענטעל נוּטרישען הילף פראגראם' (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) – אין די פארגענגענהייט גערופן 'פוּד סטעמפּס' – וועלן באקומען די מאקסימום סומע אין עסן בענעפיטן פאר נאוועמבער. אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP – אריינרעכענענדיג די וועלכע באקומען שוין יעצט די העכסטע סומע בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סומע דעם חודש, אריינגיסנדיג בערך 234 מיליאן דאלאר פון פעדעראלע געלטער אריין אין די ניו יארק סטעיט עקאנאמיע.

"SNAP איז איינס פון אונזער גרעסטע מיטלען אין אדרעסירן אומזיכערקייט וועגן עסן צווישן ניו יארקער, נאכדערצו פאר די וואס ליידן נאך פון עקאנאמישע שאדן געשאפן דורך די פאנדעמיק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער וועלן העלפן ניו יארקער איינקויפן געזונטע, נארהאפטיגע עסן פאר זיי און זייערע פאמיליעס, און דערווייל מאכן פריי רעסאָרסן פאר אנדערע הויזגעזינד געברויכן."

דער עמערדזשענסי הילף צוגאב ווערט צוגעשטעלט פאר אלע פאמיליעס, אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין געוועגליך די מאקסימום ערלויבטע בענעפיטן פער חודש פון SNAP, א פעדעראל-פינאנצירטן פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA). פאמיליעס וועלכע באקומען שוין סיי ווי די מאקסימום בענעפיט סומע – $939 פאר א פאמיליע פון פיר - וועלן באקומען א צוגעלייגטע באצאלונג פון צום ווייניגסטנס $95.

SNAP פאמיליעס אין אלע קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי קענען ערווארטן צו זעהן די צוגעלייגטע בענעפיטן אריינקומען ביז מיטוואך, מיטוואך, נאוועמבער 23. די SNAP פאמיליעס אין די פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן קענען ערווארטן צו זעהן זייערע בענעפיטן אריינקומען ביז מאנטאג, נאוועמבער 28.

די OTDA האט אנגעהויבן גיבן די עמערדזשענסי סאפלעמענטעל בענעפיטן אין אפריל 2020 פאר די SNAP פאמיליעס וועלכע באקומען ווייניגער פון די מאקסימום חודש'ליכע בענעפיט סומע. ווען ניו יארק סטעיט׳ס עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אפגעלאפן אין יוני 2021, האט דער אגענטור ערפאלגרייך געארבעט מיט דער פעדעראלער רעגירונג צו פארשאפן די מאקסימום באשטימטע סומע פאר אלע SNAP פאמיליעס ביז עס וועט אפלויפן די פעדעראלע דעקלעראציע פון א פובליק געזונטהייט

עמערדזשענסי, וואס איז אויסגעצויגן געווארן ביז יאנואר און וועט ערמעגליכן פאר OTDA ווייטער אַרויסצוגעבן די בענעפיטן ביז נאך פעברואר.

ניו יארקער האבן פארגעזעצט צו זיין שטארק אנגעוויזן אין SNAP, מיט איבער 1.6 מיליאן פאמיליעס – אריינרעכענענדיג איבער 2.8 מיליאן ניו יארקער – איבערן סטעיט זייענדיג איינגעשריבן אין דעם פראגראם אין סעפטעמבער. כאטש די צאל פון מענטשן וועלכע באקומען SNAP איבערן סטעיט איז עטוואס געפאלן זינט אוגוסט, זענען זיי נאך געווען העכער מיט 2.5 פראצענט פון סעפטעמבער 2021, ארויסווייזנדיג די אנגייענדע פארלאנג פאר די קריטישע בענעפיטן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער דעניעל וו. טיעץ האט געזאגט,** "עס איז אונז א הנאה אנצוהאלטן ארבעטן מיט אונזער פעדעראלע שוטפים צו מאקסימיזירן די חודש'ליכע בענעפיטן פאר אלע וואס באקומען SNAP איבער ניו יארק סטעיט. דאס וועט העלפן פאר די הונדערטע טויזענטע ניו יארקער וואס מוטשענען זיך צו לייגן עסן אויפ'ן טיש צו האלטן זייערע פאמיליעס געזונט און זאט."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "מיר האבן אן אויפגאבע צו פארזיכערן אז פאמיליעס זאלן קענען צושטעלן פאר זייערע קינדער און לייגן עסן אויפ'ן טיש. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס באמיהונגען צו אפשטעלן די רעדל פון ארימקייט דורך פארלענגערן די עמערדזשענסי סאפלעמענטעל SNAP בענעפיטן פאר ניו יארקער. איך קוק ארויס אויף אונזער אנגייענדע ארבעט צוזאמען צו פארמערן צוטריט צו געזונטע מאלצייטן אפציעס און פארשטערקערן די צוקונפט פון אונזער קאמיוניטי."

SNAP שפילט א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק'ס אנגייענדע עקאנאמישע ערהוילונג, און עס האט אריינגעגאסן איבער 2 ביליאן דאלער אין דער סטעיט'ס עקאנאמיע זינט יאנואר. יעדע פעדעראלע דאלאר אינוועסטירט דורך SNAP טרייבט אויף ביז אזויפיל ווי 1.54$ אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א [פעדעראלע שטודיע](#) וואס רעכנט אויס די השפעה פון SNAP אויף די עקאנאמיע פון די פאראייניגטע שטאטן.

די צוגעגעבענע בענעפיטן זענען אויך א קריטיש-וויכטיגן לעבנס-מיטל פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער, וויבאלד ארום 14 פראצענט פונעם סטעיט'ס באפעלקערונג האבן זיך פארלאזט אויף SNAP בענעפיטן פאראיאר לויט [א לעצטערע שטודיע](#). איבער האלב געשאנקענע הויזגעזינדער זענען געווען פאמיליעס מיט קינדער און ארום 48 פראצענט האבן אריינגערעכנט אן ערוואקסענער איבער 55 אדער עמיצער מיט אן אומפעאיגקייט.

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (Electronic Benefit Transfer, EBT) אקאונטס און קענען ארויסגענומען ווערן מיט זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געוויינטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

איר קענט געפונען מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי צוגעלייגטע SNAP בענעפיטן, אריינרעכענענדיג ענטפערס אויף אפט-געפרעגטע פראגן [דא](#). ניו יארקער וואס זענען אינטערעסירט זיך צו איינשרייבן קענען אויפקוקן זייער SNAP בארעכטיגונג, ווי אויך אפלייען אנליין, אויף [mybenefits.ny.gov](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418